ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע
פֿאָרווערטס
איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897
www.yiddish.forward.com/vayter

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש
נומער 8(52) ✦ תשע״ב – 2011 ✦ זעקסטער יאָרגאַנג

# מאַקס ווײַנרײַך אין אַמעריקע: אַ ייִוואָ־קאָנפֿערענץ

גענאַדי עסטרײַך (ניו־יאָרק)

דעם שטענדיקן לייענער פֿון „ווײַטער“ דאַרף מען ניט דערקלערן ווער עס איז געווען מאַקס ווײַנרײַך. און דאָך – פֿון צײַט צו צײַט קומען צו נײַע לייענער, אַזוי אַז עס וועט ניט שאַטן צו דערמאָנען זיי, אַז די רייד גייט וועגן אַ מענטשן, לגבי וועלכן עס קלינגען ניט צו הויך אַזעלכע באָמבאַסטישע ווערטער ווי: „געניאַלער“ און „לעגענדאַרער“. דעם 29סטן יאַנואַר 2012 וועט ווערן 43 יאָר זינט זײַן פּטירה.

פֿאַר אָט די יאָרן האָבן זיך געביטן עטלעכע דורות אין דער ייִדישער אַקאַדעמישער וועלט. אָבער קיינער האָט זיך אַפֿילו ניט דערנעענטערט צום ניוואָ פֿון מאַקס ווײַנרײַכן, כאָטש אייניקע זאַכן זײַנען, בלי־ספֿק, פֿאַרעלטערט געוואָרן אין זײַנע פֿילצאָליקע אַרבעטן.

אַ חוץ די צענדליקער ביכער און הונדערטער אַרטיקלען, האָט ווײַנרײַך איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאַנצע אינסטיטוציע – איך מיין, פֿאַרשטייט זיך, דעם ייִוואָ־אינסטיטוט. הגם אַ גאַנצע ריי געלערנטע און כּלל־טוער האָבן אין יאָר 1925 פֿאַרלייגט דעם יסוד פֿון דעם דאָזיקן אינסטיטוט, איז מאַקס ווײַנרײַך געווען דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען בײַם רודער פֿון דער נײַער, איצט שוין לאַנג לעגענדאַרער, אַקאַדעמישער אינסטיטוציע. ער האָט מיט איר אָנגעפֿירט סײַ אין ווילנע און סײַ אין ניו־יאָרק, ווען די מלחמה האָט אים פֿאַרוואָרפֿן אויף דער אַנדערער זײַט פֿונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דעם 4טן דעצעמבער, האָט דער ייִוואָ דורכגעפֿירט אַן אײנטאָגיקע קאָנפֿערענץ, געווידמעט די אַמעריקאַנער יאָרן אין מאַקס ווײַנרײַכס לעבן. די פֿאָרשער האָבן אין זײַערע רעפֿעראַטן באַרירט פֿאַרשיידענע טעמעס: ווײַנרײַכס באַמיִונגען זיך צוצופּאַסן צום לעבן אין אַמעריקע, זײַן פֿילזײַטיקע פּעדאַגאָגישע טעטיקייט, זײַן אַרבעט איבער דער געשיכטע פֿון ייִדיש, זײַן חורבן־פֿאָרשונג, און זײַן אָנפֿירונג מיט דער טעטיקייט פֿון ייִוואָ. אין דער אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט זיך באַטייליקט גבֿריאל ווײַנרײַך, מאַקס ווײַנרײַכס ייִנגערער זון, וואָס איז אַ פּענסיאָנירטער פּראָפֿעסאָר פֿון פֿיזיק אין מישיגאַן־אוניווערסיטעט. מיט אַ פֿולער פּראָגראַם פֿון דער קאָנפֿערענץ קען מען זיך באַקענען אויפֿן וועבזײַטל http://www.yivoinstitute.org/index.php?tid=181&aid=873.

ס'איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז ייִדיש האָט ניט קיין פּנים, אָדער פּינקטלעכער – עס האָט ניט קיין

(סוף אויף זײַט 6)



בײַ דער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ – „מאַקס ווײַנרײַך אין אַמעריקע“ – איז זיך צונויפֿגעקומען די משפּחה פֿון מאַקס ווײַנרײַך. פֿון פֿאָרנט זיצט זײַן זון, גבֿריאל ווײַנרײַך.

# יידישע מאָזאַיִק



# די מעלבורנער „קדימה“

עס קען זיך זייער גרינג שאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז ייִדיש האָט ניט קיין לײַטישן עקוויוואַלענט פֿאַרן ענגלישן וואָרט **forward**. מיט וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט דאָס וואָרט „פֿאָרויס“? אַ וואָרט, דאַכט זיך, ווי אַלע ייִדישע ווערטער. אָבער אין יאָר 1897, ווען מע האָט געשאַפֿן די צײַטונג „פֿאָרווערטס“, האָט מען פֿאַר איר נאָמען אויסגעקליבן דווקא דאָס וואָרט, וואָס איז געווען, אין תּוך אַרײַן, גענומען דירעקט פֿון דײַטש. אָבער די ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט אונטערשטרײַכן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ יניקה פֿון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿון זייער צײַטונג מיט דעם זעלבן נאָמען, „פֿאָרווערטס“. און אַזוי איז שוין פֿאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אַ סבֿרא, אַז דאָס וואָרט „פֿאָרויס“ האָט ניט געקלונגען שיין גענוג אויך אין די אויערן פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אַ יאָרהונדערט צוריק פֿאַרלייגט דעם ייִדישן אינסטיטוציאָנעלן יסוד אין מעלבורן, אויסטראַליע. זיי איז מער געווען צום האַרצן דאָס העברעיִשע וואָרט „קדימה“, וואָס מיינט טאַקע „פֿאָרויס“ און ווערט ביזן הײַנטיקן טאָג ברייט גענוצט אין פּאָליטישן וואָקאַבולאַר. קיין חידוש ניט, אַז דאָס וואָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן בײַם שאַפֿן אַן אומפּאַרטייִשע ייִדישע ביבליאָטעק אין מעלבורן. מע דערציילט די מעשׂה אַן ערך אַזוי:

אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָבן אין מעלבורן געוווינט ניט מער פֿון אַ פּאָר טויזנט מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. די נויט און רעפּרעסיעס האָבן זיי געטריבן איבער דער גאָרער וועלט. צווישן די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מעלבורן, זײַנען געווען אויך אַקטיווע יונגע לײַט. זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידעע – צו שאַפֿן אַ ביבליאָטעק. אַזעלכע ביבליאָטעקן, אָפֿט מאָל אומלעגאַלע, זײַנען צו יענער צײַט געווען אין אַ סך שטעטלעך פֿון דעם תּחום־המושבֿ. אין אויסטראַליע האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, ניט געדאַרפֿט זיך באַהאַלטן פֿון דער פּאָליציי. אָבער געלט פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג האָט מען פֿון דעסטוועגן געדאַרפֿט ערגעץ קריגן.

זײַנען דרײַ אַקטיוויסטן געקומען צו אַ היגן פֿאַרמעגלעכן ייִד, וואָס האָט געהייסן יהושע ראַבלין. יענער האָט זייער פֿאָרלייג תּחילת ניט אויפֿגענומען ווי אַן ערנסטע זאַך. אָבער ראַבלין האָט פֿאָרגעלייגט אַזאַ פּלאַן: טאָמער די אַקטיוויסטן גיט זיך אײַן צו געפֿינען, לכל־הפּחות, 15 בעלנים צו ווערן באַצאָלטע מיטגלידער פֿון אַ ייִדישער ביבליאָטעק־געזעלשאַפֿט, וועט ער אַרײַנלייגן אין דער געזעלשאַפֿט אַ שיין ביסל געלט. עס האָט געדויערט ניט לאַנג ביז דעם טאָג, ווען דער נייטיקער עולם האָט זיך צונויפֿגעקליבן. אַזוי האָט זיך דעם 26סטן דעצעמבער 1911 געשאַפֿן די „קדימה“־ביבליאָטעק. דעם נאָמען האָט פֿאָרגעלייגט דער בעל־צדקה – ראַבלין. עפּעס האָט אים, אַ פּנים, געצויגן צו פּראָגרעס.

עס זעט אויס, אַז קיין שטאַרקע אינסטיטוציע איז די ביבליאָטעק בײַם אָנהייב ניט געווען. די ייִדיש־רעדנדיקע באַפֿעלקערונג איז געווען גאַנץ קליין, אידעאָלאָגיש און סאָציאַל איז זי געווען צעריסן אויף עטלעכע גרופּירונגען. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט כּמעט אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע. אַזוי אַז די ביבליאָטעק האָט קוים געזשיפּעט. אַקטיוויטעטן פֿלעגט מען דורכפֿירן זונטיק, ווען דער לייען־זאַל איז געווען אָפֿן. אַ וויכטיקע ראָלע אין דער טעטיקייט האָט געשפּילט די דראַמאַטישע טרופּע, וואָס האָט אויך געטראָגן דעם זעלבן נאָמען – „קדימה“.



דער „קדימה“־באַל, 1936

דער מצבֿ האָט זיך היפּש געביטן, ווען קיין מעלבורן זײַנען געקומען פּליטים פֿון אייראָפּע. זיי האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דעם חורבן. צווישן די נײַ־אָנגעקומענע ייִדן זײַנען געווען אַקטיווע בונדיסטן. אין די 1960ער יאָרן האָט מעלבורן געהאַט אַריבער 30 טויזנט ייִדן, 60 פּראָצענט פֿון זיי זײַנען געווען ייִדיש־רעדער. כּמעט אַ דריטל פֿון די ייִדיש־רעדער האָבן גענוצט ייִדיש אין זייער טאָג־טעגלעכן משפּחה־לעבן. אַזאַ דעמאָגראַפֿיע, דערצו נאָך מיט אַ שטאַרקן אידעאָלאָגישן – בונדיסטישן – אָנשפּאַר, האָט געשאַפֿן אַן אידעאַלע סבֿיבֿה פֿאַר דער מערכה פֿון ייִדיש אין מעלבורן. אין אַ יאָרהונדערט אַרום נאָך איר גרינדונג, בלײַבט די „קדימה“ אַן אַקטיווע קולטור־אינסטיטוציע אין דער שטאָט.

# „פֿאָרווערטס"־ייִחוס

## „דער טונקעלער"

אונטער אַזאַ פּסעוודאָנים האָט גע־שריבן יוסף טונקעל (1881–1949), אַ הומאָריסט, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט פֿון ביידע זײַטן פֿונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. טונקעל איז געבוירן געוואָרן אין דער ווײַסרוסישער שטאָט באָברויסק, וועלכע ער האָט פֿאַרלאָזט צו 16 יאָר. אים האָט געצויגן צו קונסט, מאָלערײַ, און ער האָט געפּרוווט צו רעאַליזירן זײַנע פּלענער אין ווילנע און שפּעטער אין אָדעס. אָבער צוליב זײַן קורצער ראיה האָט ער געמוזט זוכן אַנדערע דרכים.

אין יאָר 1901 האָבן זיך אין דער קראָקער צײַטונג „דער יוד" באַוויזן זײַנע לידער און דערציילונגען, און פֿון דעמאָלט אָן איז ער פֿאַרבונדן געוואָרן מיט ייִדישער ליטעראַטור און זשור־נאַליסטיק. זינט 1906 האָט טונקעל גע־וווינט אין אַמעריקע, ווו ער האָט אין 1908 געשאַפֿן דעם הומאָריסטישן וועכנטלעכן זשורנאַל „דער קיבעצער". אין אַ יאָר אַרום האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער זשורנאַל, „דער קונדס", אויך געגרינדעט דורך אים. דאָס ערשטע בוך, וואָס טונקעל האָט אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „דער טונקעלער", האָט זיך באַוויזן אין 1910. בסך־הכּל זײַנען אַרויס אַריבער דרײַסיק ביכער זײַנע.

אין די יאָרן 1910–1941 האָט „דער טונקעלער" געוווינט אין אייראָפּע, דער עיקר, אין וואַרשע, געאַרבעט דאָרטן אין דער ייִדישער פּרעסע, בפֿרט אין דער צײַטונג „מאָמענט". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פֿאַרלאָזט וואַר־שע, געוווינט אין זײַן היימשטאָט, באָב־רויסק, און שפּעטער אין קיִעוו. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה, איז ער אַוועק־געפֿאָרן קיין בעלגיע, און שוין פֿון דאָרטן



Forward Association

זיך דערקליבן קיין אַמעריקע, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס". די הומאָרעסקעס פֿון „דעם טונקעלן" זײַנען געווען זייער פּאָפּולער בײַ די לייענער. דאָ ברענגען מיר אַ געקירצטן נוסח פֿון איינער פֿון זײַנע הומאָריסטישע דערציילונגען.

# נודניקעס

## דער טונקעלער

קעגן אַלע קרענק און אומגליקן אויף דער וועלט ווערן געזוכט מיטלען און עצות. דאָקטוירים שרײַבן אַרטיקלען, דערפֿינדער מאַכן דערפֿינדונגען, חכמים גיבן עצות – אַלץ ווי אַזוי פּטור צו ווערן, צו באַקעמפֿן די און די קרענק, די און די אָנשיקעניש, אויסצוהיטן זיך פֿון דער און דער צרה.

עס ווערן געשריבן בראָשורן, מע־טאָדן, האַנטביכער, ווי אַזוי זיך אויס־צוהיטן פֿון שׂרפֿות, פֿון קאַטערס, פֿון מאָסקיטן, פֿון וואַנצן, פֿון היישעריקן, עפּידעמיעס, זונשלאַגן, בייזע הינט, מײַז, פֿאַרפֿלייצונגען, ים־קראַנקהייט, צייג־ווייטיק, געסט, הינעראויגן און אַנדערע אָנשיקענישן, וואָס זײַנען אָנגעשיקט געוואָרן אויף דעם זינדיקן מענטשן צו פּײַניקן אים אויף דער וועלט.

אָבער קיינער, קיינער האָט ניט געפּרוווט עפּעס אַ טראַכט טאָן וועגן אַ מיטל קעגן איינער פֿון די גרעסטע אָנשיקענישן – די נודניקעס.

און וואָלט באמת עמעצער געפֿונען עפּעס אַ מיטל קעגן נודניקעס, וואָלט יענער אפֿשר געהאַט דעם גרעסטן פֿאַרדינסט פֿאַר דער מענטשהייט, נאָך אפֿשר מער איידער די דערפֿינדער פֿון כלאָראָפֿאָרם, ראַדיאָ, שטויב־זויגער, רענטגען און דאָס גלײַכן.

משמעות, אַז די צרה פֿון נודניקעס איז אַן אומפֿאַרמײַדלעכע צרה, איינע פֿון יענע נאַטור־מכּות, וואָס די מענטש־הייט לײַדט און לײַדט און האָט ניט דערצו קיין שום תּרופֿה.

שווער, זייער שווער איז דער קאַמף קעגן די נודניקעס.

ערשטנס, ווי אַזוי דערקענט מען זיי? ווו זײַנען די סימנים זייערע, אַז מע זאָל זיי דערקענען?

עס זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע סימנים און אָנווײַזונגען, ווי אונטערצושיידן אַ משוגענעם הונט פֿון אַ קלאָרן, שלעכטע מילך פֿון גוטער, אַ פֿריש איי פֿון ניט קיין פֿרישן, אַ דאָקטער פֿון אַ פֿעלדשער, אַ מיידל פֿון אַ ווײַבל, אַ דאָקטער פֿון מעדיצין פֿון אַן אַדוואָקאַט־פֿילאָסאָף, ברילִיאַנטן פֿון גלעזלעך, און אַזוי ווײַטער.

ווו זײַנען אָבער די סימנים, לויט וועלכע מע זאָל קענען אונטערשיידן פֿון

(סוף אויף זײַט 7)

# פֿאַר קליין און גרויס



## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# אַ מעשׂה פֿון אַ גאָלדענער פֿעדער

אַ מאָל האָט געלעבט אין בעלץ אַ רײַכער באַלעבאָס. האָט ער געהאַט צוועלף זין, עלף קלוגע און איינער – אַ נאַר. דער באַלעבאָס האָט אויך געהאַט אַ שקאַפֿע מיט צוועלף פֿערדעלעך – עלף שיינע און איין פֿערדעלע אַ פּאַרזשעניש.

נו, ס'איז געקומען די צײַט האָט דער טאַטע אויסגעשטעלט די פֿערדעלעך פֿאַר די זין, ווי אויף אַ פּאַראַד און געזאָגט: „זאָל יעדער זיך אויסקלײַבן זײַן פֿערדעלע!" האָבן די עלף קלוגע זין יעדער גענומען פֿאַר זיך אַ שיין פֿערדל, און דאָס מיאוסע איז געבליבן פֿאַרן נאַר.

שטייט דער נאַר און וויינט, רופֿט זיך אָן דאָס פֿערדעלע צו אים: „אַז דו וועסט ניט וויינען און מיך פֿאָלגן, וועל איך דיר זאָגן, ווי אַזוי איך קען ווערן שיין, און דו – קלוג!". זאָגט דער נאַר: „גוט, כ'וועל דיך פֿאָלגן!" – „אויב אַזוי, נעם און וואַש מיך אויס און קעם מיך אויס, וועל איך ווערן שענער פֿון אַלעמען". האָט דער נאַר אַזוי געטאָן, ווי דאָס פֿערדעלע האָט אים געהייסן, איז עס געוואָרן שיין, ווי די שענסטע קראַסאַוויצע אין שטעטל.

„איצטער, – זאָגט דאָס פֿערדעלע, – שפּאַן מיך אײַן וועלן מיר פֿאָרן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן". האָט ער עס אײַנגעשפּאַנט און זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן. וויפֿל זיי זײַנען אַזוי געפֿאָרן איז איצט ניט קלאָר, אָבער ניט ווײַט פֿון אַ וואַלד האָבן זיי אויפֿן וועג דערזען ווי עפּעס בלישטשעט. זאָגט דער נאַר צום פֿערדעלע: „שטעל זיך אָפּ, וועל איך אַראָפּקריכן זען, וואָס איז עס אַזוינס". האָט זיך דאָס פֿערדעלע אָפּגעשטעלט, דער נאַר איז אַראָפּגעקראָכן און דערזען, אַז דאָס איז אַ גאָלדענע פֿעדער פֿון עפּעס אַ גאָלדענעם פֿויגל. אַוודאי, האָט עס דער נאַר געוואָלט באַלד אויפֿהייבן. הערט ער ווי דאָס פֿערדעלע זאָגט צו אים: „הייב ניט אויף די פֿעדער, איך הייס ניט! אויב דו הייבט זי אויף, וועסטו האָבן צרות!" זאָגט דער נאַר: „נאָר אַ פֿולער נאַר קאָן פֿאָלגן אַזאַ עצה!" – און ער האָט אויפֿגעהויבן די גאָלדענע פֿעדער.

נו, זײַנען זיי שוין געפֿאָרן ווײַטער, אין וואַלד אַרײַן. וואָס טיפֿער זיי זײַנען געפֿאָרן אין וואַלד, אַלץ מער איז געוואָרן פֿינצטער. וואָס שטאַרקער איז געוואָרן דאָס פֿינצטערניש, אַלץ העלער האָט אָנגעהויבן לײַכטן די פֿעדער. דער נאַר קוועלט און פֿרייט זיך – ליכטיק, ווי בײַ טאָג. דאָס פֿערדעלע זאָגט אָבער צו אים: „פֿריי זיך, פֿריי זיך, וועסט נאָך האָבן צרות!" און דאָ האָבן זיי דערזען אין וואַלד אַ שטיבעלע. זאָגט דער נאַר צום פֿערדעלע: „שטעל זיך אָפּ, מיר וועלן דאָ פֿאַרפֿאָרן נעכטיקן". זאָגט דאָס פֿערדעלע: „ניין, איך הייס ניט!" האָט דער נאַר זיך ווידער אָנגערופֿן: „נאָר אַ פֿולער נאַר קאָן פֿאָלגן אַזאַ עצה!" – און זיי זײַנען פֿאַרפֿאָרן צום שטיבעלע.

ער גייט אַרײַן אין דעם שטיבעלע און זעט, עס זיצן דרײַ מיידלעך און קנאַקן קערלעך. פֿרעגט ער בײַ זיי, צי מע קאָן דאָ בלײַבן נעכטיקן. זאָגן זיי: „מיר ווייסן ניט. מיר האָבן דאָ אַן אַלטע באָבע. זי הייסט באָבע האַ, און זי איז אַ מכשפֿה. באַלד וועט זי קומען, וועט איר בײַ איר פֿרעגן." נעמט דער נאַר און ווײַזט זיי די גאָלדענע פֿעדער, האָט עס פֿאַרלויכטן דאָס גאַנצע שטיבעלע. דערזען אַזאַ שיינקייט, זײַנען די דרײַ מיידלעך פֿאַרציטערט געוואָרן. זאָגן זיי צו אים: „די פֿעדער איז טאַקע זייער שיין, אָבער נאָר די באָבע האַ קאָן דיך לאָזן דאָ נעכטיקן".

איז טאַקע גאָר אין גיכן געקומען די באָבע האַ מיט אַ טופּעריי פֿון איר אײַזערנעם פּיסל. זאָגן די מיידלעך צו איר: „זיי וויל דאָ נעכטיקן". דערזען די גאָלדענע פֿעדער, האָט די באָבע האַ געזאָגט: „יאָ, איר קאָנט דאָ נעכטיקן, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט זיך לייגן שלאָפֿן אויף דער ערד, מיט דעם קאָפּ צו דער שוועל". זאָגט דער נאַר: „זאָל זײַן מיטן קאָפּ צו דער שוועל, אַבי איבערנעכטיקן". און די באָבע האַ אַליין איז נעלם געוואָרן, גיך אַוועקגעלאָפֿן אין וואַלד.

נו, האָבן זיי זיך אַלע געלייגט שלאָפֿן: די דרײַ מיידלעך אויף זייערע ערטער און דער נאַר מיטן פֿערדעלע אויף דער ערד, מיט די קעפּ צו דער שוועל. אין אַ ווײַלע אַרום הערט דער נאַר ווי זײַן פֿערדעלע רוימט אים אײַן אין אויער: „אײַ, שלעכט. מיר זײַנען דאָ פֿאַרפֿאַלענע! כ'האָב דיר געזאָגט ניט אויפֿהייבן די גאָלדענע פֿעדער און ניט אַרײַנגיין אין דעם שטיבל, איצט וועלן מיר האָבן צרות!" – „וואָס זשע זאָלן מיר איצט טאָן?" – פֿרעגט דער נאַר. ענטפֿערט דאָס פֿערדעלע: „כ'וועל דיר געבן אַן עצה: נעם און טראָג אַריבער די דרײַ מיידלעך אויף אונדזער זײַט, מיט די קעפּ צו דער שוועל, און מיר וועלן זיך לייגן אויף זייערע ערטער". האָט ער געפֿאָלגט דאָס פֿערדעלע: געלייגט די מיידלעך מיטן קאָפּ צו דער שוועל, און אַליין זיך געלייגט מיטן פֿערדעלע אויפֿן אָרט פֿון די מיידלעך. ליגן זיי אַזוי, אָבער אײַנשלאָפֿן קאָנען זיי שוין ניט.

פּלוצעם אין מיטן דער נאַכט פֿליט דורכן קוימען אַרײַן די באָבע האַ. זי לויפֿט צו צו דער שוועל און גיט מיטן אײַזערנעם פּיסל אַזאַ שמיץ, אַז די קעפּ פֿון די דרײַ מיידלעך האָבן זיך צעשפּאָלטן, ווי רײַפֿע קאַווענעס. אַליין איז די באָבע האַ ווידער אַוועקגעלאָפֿן

(המשך אויף זײַט 5)

# אַ מעשׂה פֿון אַ גאָלדענער פֿעדער

(המשך פֿון זײַט 4)

אין וואַלד. אַז דאָס פֿערדעלע האָט דאָס דערזען, זאָגט עס צום נאַר: „נעם אויף גיך, שפּאַן מיך אײַן און לאָמיר אַנטלויפֿן! טרײַב מיך ווי דו קאָנסט, טאָמער ניט, זײַנען מיר פֿאַרפֿאַלענע! יאָ, פֿאַרגעס דאָ ניט די גאָלדענע פֿעדער!"

אין דער פֿרי איז געקומען צו לויפֿן די באָבע האַ פֿון וואַלד. זי גיט אַ קוק, וואָס זי האָט דאָ בײַ נאַכט אָפּגעטאָן, איז געווען אַ קלאָג צו איר. „אוי וויי, – האָט זי געשריִען, – די אייגענע אייניקלעך צעשפּאָלטן די קעפּ! און יענע מיט דער גאָלדענער פֿעדער זײַנען זיך אַנטלאָפֿן, אוי וויי!" און זי האָט זיך געלאָזט זיי אָניאָגן. דער נאַר אויפֿן פֿערדעלע רײַטנדיק, לויפֿן מיט אַלע כּוחות. און אַזוי ווי זיי לויפֿן, דערהערן זיי אַ טופּערײַ פֿון דעם אײַזערנעם פּיסל. דער נאַר ציטערט שוין פֿאַר שרעק, און דאָס פֿערדעלע זאָגט אים: „ציטער ניט, בעסער וואָלסטו מיך פֿריִער געפֿאָלגט". פֿון דעסטוועגן, גיט עס אים אַזאַ עצה: „נעם אַ קריגעלע וואַסער און טו עס אַ גיס אויס איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ גרויסער טײַך". דער נאַר כאַפּט אַרויס פֿונעם בוזעם אַ קריגעלע מיט וואַסער און איז שוין גרייט פֿאָלגן זײַן פֿערדעלע, אָבער דאָס פֿערדעלע שטעלט אים אָפּ: „פֿאַרגעס ניט צו זאָגן:

גיס זיך וואַסער פֿון קריגעלע גלײַך
זאָל דאָ ווערן אַ גרויסער טײַך..."

ווי נאַר דער נאַר האָט אַרויסגעבראַכט דאָס לעצטע וואָרט, האָט הינטער זיי זיך צעגאָסן אַ גרויסער טײַך, און אַז די באָבע האַ איז צוגעקומען צו דעם טײַך, איז זי געבליבן שטיין. לאַנג ניט געטראַכט, האָט זי זיך גיך אומגעקערט אַהיים, געכאַפּט אַן עמער מיט אַ קוואַרט און איז געלאָפֿן צוריק צום טײַך. איינס־צוויי, האָט זי אויסגעשעפּט די וואַסער פֿונעם טײַך און זיך ווײַטער געלאָזט נאָכיאָגן דעם נאַר מיט זײַן פֿערדעלע. זי יאָגט זיך, און דער נאַר אויפֿן פֿערדעלע רײַטנדיק, לויפֿן מיט אַלע כּוחות. און אַזוי ווי זיי לויפֿן, דערהערן זיי אַ טופּערײַ פֿון דעם אײַזערנעם פּיסל. דער נאַר ציטערט שוין ווידער, נאָך שטאַרקער ווי פֿריִער: „זי יאָגט, זי יאָגט!" – „הער מיך אויס מיט קאָפּ, – רופֿט זיך אָן דאָס פֿערדעלע, – נעם, רײַס אַרויס אַ הויפֿן ריטלעך און טו אַ וואָרף איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ געדיכטער וואַלד, וועט זי ניט קענען אַדורך". האָט דער נאַר טאַקע אַרויסגעריסן אַ הויפֿן ריטלעך, אָבער איידער עס וואַרפֿן איבערן קאָפּ האָט ער געפֿרעגט בײַם פֿערדעלע: „וואָס דאַרף איך איצט זאָגן?" – „דו ווערסט שוין קליגער, – האָט געענטפֿערט דאָס פֿערדעלע און צוגעגעבן:

שטעלט זיך ריטלעך אויס דאָ באַלד,
זאָל געדיכטער זײַן דער וואַלד..."

ווי נאַר דער נאַר האָט אַרויסגעבראַכט דאָס לעצטע וואָרט פֿון דער ברכה, איז הינטער זיי אויסגעוואַקסן אַ געדיכטער וואַלד. האָט די באָבע האַ ניט געקאָנט אים אַדורכגיין. לאַנג ניט געטראַכט, האָט זי זיך גיך אומגעקערט אַהיים, געכאַפּט אַ האַק און איז געלאָפֿן צוריק צום וואַלד. איינס־צוויי, זי האַקט די ביימער עס פֿליִען שפּענער. זיך דורכגעהאַקט אַ וועג, האָט זי זיך ווײַטער געלאָזט לויפֿן נאָכן נאַר און דעם פֿערדעלע. אָט, אָט יאָגט זי זיי שוין אָן. שרײַט דער נאַר צום פֿערדעלע: „ראַטעוועט! ראַטעוועט! וואָס זאָלן מיר טאָן, מיר זײַנען פֿאַרפֿאַלענע!" זאָגט דאָס פֿערדעלע צו אים: „שאַ, שרעק זיך ניט! כ'וועל דיר געבן נאָך אַן עצה: נעם אַ הויפֿן זאַמד און טו אַ שיט איבערן קאָפּ, וועט ווערן אַ הויכער באַרג, וועט די אַלטע מכשפֿה שוין ניט קענען אַריבער". געכאַפּט אַ הויפֿן זאַמד, האָט דער נאַר שוין אַליין געזאָגט די ברכה:

שיטן זאַמד בין איך ניט קאַרג,
זאָל דאָ וואַקסן הויך דער באַרג...

(המשך אויף זײַט 7)



# מאַקס ווײַנרײַך אין אַמעריקע: אַ ייִוואָ־קאָנפֿערענץ

(סוף פֿון ערשטער זײַט)

פֿנימער. מיט אַנדערע ווערטער: מיר האָבן כּמעט ניט קיין ביאָגראַפֿיעס. ווי קען מען איבערלייענען אַ בוך וועגן, אַ שטייגער, שלום־עליכמען צי מאַקס ווײַנרײַכן? אין איניקע פֿאַלן זײַנען ביאָגראַפֿישע ביכער יאָ פֿאַראַן אויף ייִדיש, אָבער זיי זײַנען אָדער פֿאַרעלטערט געוואָרן אָדער זײַנען איבערגעזעטיקט מיט אידעאָלאָגיע. ווײַנרײַך, אָבער, האָט ניט אַפֿילו אַזעלכע ביאָגראַפֿיעס. בלײַבט ער ממילא אַ רעטעניש, צי סתּם אַ נאָמען אויף דער הילע פֿון זײַן מאָנומענטאַלער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

אָבער ס'איז קלאָר אַפֿילו אָן פּרטימדיקע ביאָגראַפֿיעס, אַז מאַקס ווײַנרײַך איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטער מענטש; אַ מענטש מיט אַ שליחות, וואָס ער האָט פֿאַר זיך אַליין באַשטימט. און אַ שליחות איז עס געווען מיט אַ פֿאַרנעם. עס האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט לינגוויסטיק צי אַנדערע מינים וויסנשאַפֿט. מיר ווייסן, און בעת דער קאָנפֿערענץ האָט מען וועגן דעם גערעדט, אַז ער האָט אַ סך ברייטער געזען די ראָלע פֿון דער אַקאַדעמישער אַרבעט. פֿאַר אים איז עס געווען אויך אַ – און, אין אַ געוויסן זין, דער – מיטל צו מאָדערניזירן און, בכלל, טראַנספֿאָרמירן דאָס ייִדישע פֿאָלק. ווי אַ סך אַנדערע ייִדישע טוער פֿון אַזאַ קאַליבער, האָט ווײַנרײַך געטראָגן אין זײַן גענעטישן קאָד עפּעס פֿון רבי עקיבֿאַ. ער האָט געגלייבט, אַז זײַן קרײַז פֿון ייִוואָ־אַקטיוויסטן היט אָפּ דעם קערן פֿון דער אַשכּנזישער קולטור. און ווײַטער בלײַבט די פֿראַגע פֿון קולטיווירן ריכטיק דעם באָדן, אים ברענגען צו אַזאַ מצבֿ, אַז ער זאָל זיך קענען ווידער צעוואַקסן, לטובֿת דער אַשכּנזישער ציוויליזאַציע.

אין אַ צאָל רעפֿעראַטן האָט קלאָר געקלונגען, אַז ווײַנרײַך האָט זיך געפֿילט אין אַמעריקע ניט אין גאַנצן אין דער היים. אָט ווי ער האָט, למשל, אָפּגעשאַצט אַמעריקע אין זײַן אַרטיקל „ווו איז הײַנט דער צענטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור?" („פֿאָרווערטס", דעם 20סטן יאַנואַר 1947):

> העכער פֿינף מיליאָן ייִדן און די גרעסטע צאָל ייִדישע שרײַבערס; און צווישן זיי אַ היפּשע צאָל מיט גרויסן טאַלאַנט. אָבער עפּעס שפּירן מיר, אַז ס'איז ניט מיט אַלעמען. ווײַל אַ ליטעראַטור מיינט ניט נאָר שרײַבערס און אַפֿילו ניט נאָר אָפּגעדרוקטע ביכער. ליטעראַטור מיינט כּסדרדיקער קאָנטאַקט צווישן שרײַבער און עולם, אַ כּסדרדיקע ווירקונג פֿון איינעם אויפֿן אַנדערן. און דאָ איז דער שוואַכסטער פּונקט פֿון דער ייִדישער אַמעריקע. די ייִדישע ליטעראַטור, ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן, הענגט דאָ אין דער לופֿטן.

ער האָט געבענקט נאָך ווילנע – די שטאָט האָט זיך בײַ אים אַסאָציִירט מיטן בעסטן, וואָס די ייִדישע קולטור האָט געהאַט געשאַפֿן. און ער האָט געחלומט וועגן „ווילנעיִזירן" דאָס ייִדישע לעבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן; געגלייבט, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן זיך געוואַלדיק געניייטיקט אין זײַן ייִוואָ, וואָס ער האָט געזען ווי אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער ווילנער קולטור־טראַדיציע. דאָס איז, צום באַדויערן, געווען ניט מער ווי אַ חלום, מחמת דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט ווייניק באַמערקט די דאָזיקע טראַדיציע און איר אינסטיטוציאָנעלע פֿאַרקערפּערונג.

אויף מיר האָט געמאַכט אַן אייַנדרוק די באַמערקונג פֿון ווײַנרײַכס אַ קרובֿ – דאַכט זיך, אַ פּלימעניצע – וואָס איז געקומען אויף דער קאָנפֿערענץ: „די איינציקע צײַט, ווען איך האָב אים געזען אַ רויִקן, ניט אָנגעשטרענגטן, איז געווען, ווען ער איז געזעסן מיט זײַנע ברידער און זייערע משפּחות און גערעדט מיט זיי אויף דעם היימישן קורלענדישן דײַטש."

# אַ נײַ בוך פֿון יאָשיִי היראָסע




יאָשיִי היראָסע, וואָס איז אַ פּראָפֿעסאָר אין דעם „נאָטר דאַם סיישין"־אוניווערסיטעט אין אָקאַיאַמאַ (יאַפּאַן), איז גאַנץ גוט באַקאַנט אין די קרײַזן פֿון ליבהאָבער פֿון ייִדיש. שוין לאַנגע יאָרן באַשעפֿטיקט ער זיך מיט דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. זײַנע איבערזעצונגען האָבן באַקענט דעם יאַפּאַנישן לייענער מיט יצחק באַשעוויס־זינגערס ווערק. אין יוני־אויגוסט 2008 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער ייִדישער זומער־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק און אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ צאָל לעקציעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. זײַנע רײַזע־נאָטיצן קען מען לייענען אין דעם זשורנאַל „צוקונפֿט", זען:

**http://www.tsukunft.org/ioshi.html.**

די זעלבע נאָטיצן קען מען איצט לייענען – אויף ייִדיש – אויך אין דעם נײַעם בוך פֿון פּראָפֿעסאָר יאָשיִי היראָסע, וואָס איז אַרויס אין דער יאַפּאַנישער שטאָט אָסאַקאַ:

**Yiddish Tradition and Innovation in Modern Jewish American Writers.**

# נודניקעס

(סוף פֿון זײַט 3)

אַ מענטשן אַ נודניק? גייט זיך אַ מענטש אויף צוויי פֿיס, מיט אַ נאָז, מיט צוויי אויגן – אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן און – אַ נודניק.

דער נודניק איז אַלע מאָל אַ נודניק, אָן אונטערשייד פֿון ראַסע און עלטער, געשלעכט און ראַנג, קלאַס, פּראָפֿעסיע, רעליגיעזער אָנשויונג, וווּקס, קאָליר פֿון האָר. ער האָט ניט קיין באַשטימטע קליידונג, קיין באַשטימטע אוניפֿאָרם און קיין באַשטימטן קול – ער קען זײַן אַ באַוואַקסענער און אַ פּליכעוואַטער, ברונעט, בלאָנדין, קורץ־געוואַקסענער, הויך, דיק, דין. ער קען האָבן וועלכע מלאָכה איר ווילט: אַ סטאָליאַר, אַ דאָקטער, אַ טינטמאַכער, אַ מאַטריצירער און אַפֿילו אַ דאַמסקי שנײַדער.

ער האָט ניט קיין באַשטימטן געביט פֿאַר זײַן נודיערײַ. ער קען אײַך נודיען אויף אַלע געביטן: פּאָליטיק, וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור. ער קען אײַך נודיען פֿון בינע, פֿון טריבונע, פֿון באַלעמער, אין מרחץ און, להבֿדיל, אין בית־מדרש. ער וועט אײַך כאַפּן אין גאַס, אין שטוב, אונטערוועגנס, אין וואַגאָן, אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ מאַסקן־באַל, אין ביוראָ, אין רעסטאָראַציע, אין קאַפֿע, און ווּ ניט? און אויב איר זײַט אַרײַנגעפֿאַלן צו אים ווי אַ קרבן, וועט איר שוין פֿון זײַנע הענט ניט אַנטרונען ווערן.

היט זיך איבערהויפּט פֿאַר די, וואָס גייען צו אײַך צו: „איך וויל אײַך זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער“, אָדער: „איך באַדאַרף אײַך אויף בלויז פֿינף געציילטע סעקונדן“.

און וואָס נאָך ערגער איז, אַז אויב איר דערפֿילט, אַז איר האָט פֿאַר זיך אַ נודניק, איר דערפֿילט, אַז דאָס איז „ער“, און איר זײַט אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע נעצן – קענט איר ערשט פֿון אים ניט פּטור ווערן. ווײַל, ווי געזאָגט, די מענטשהייט איז מאַכטלאָז קעגן דער דאָזיקער אָנשיקעניש.

# אַ מעשׂה פֿון אַ גאָלדענער פֿעדער

(סוף פֿון זײַט 5)

און אַז די באָבע האַ איז צוגעלאָפֿן צום הויכן באַרג, האָט זי ניט געקענט אַריבערגיין. לאַנג ניט געטראַכט, האָט זי זיך גיך אומגעקערט אַהיים, געכאַפּט אַ לאָפּעטע און איז געלאָפֿן צוריק צום באַרג. איינס־צוויי, זי שאַרט די ערד, ווי שניי, ביז פֿונעם באַרג איז גאָרניט געבליבן. זי יאָגט שוין ווידער. דאָס אײַזערנע פֿיסל טופּעט, אַזש די ערד ציטערט. דער נאַר זעט שוין דעם טויט פֿאַר די אויגן. „אוי ווײ, אוי ווײ! וואָס טוט מען איצט?“ זאָגט דאָס פֿערדעלע: „פֿאַרליר ניט דעם קאָפּ פֿאַר דער צײַט. ביז אַהער האָט זי אונדז ניט דעריאָגט, וועט זי אויך ווײַטער אונדז ניט כאַפּן. טו וואָס איך וועל דיר זאָגן: נעם, האַק אָן עטלעכע שײַטלעך האָלץ, פֿאַרלייג אַ פֿײַער און לאָז די שײַטלעך זאָלן זיך אָנברענען אויף הייסע קוילן. דערנאָך נעם די קוילן, שיט זיי אַרײַן אין אַ גריבעלע אין מיטן וועג און לייג אַריבער אַ שמאָל דריקעלע איבערן גריבעלע. ווען די באָבע האַ וועט צוקומען צו דעם אָרט, וועט זי נעמען אַריבערגיין איבערן דריקעלע. אָט דאָ שטעקט די גאַנצע חכמה – דאָס דריקעלע וועט ניט אויסהאַלטן איר שווערן אײַזערנעם פֿוס, זיך צעברעכן און די בייזע מכשפֿה וועט אַרײַנפֿאַלן אינעם גריבעלע מיט הייסע קוילן.

און אַזוי איז עס טאַקע געשען: צוגעלאָפֿן צום גריבעלע מיט הייסע קוילן, האָט די באָבע האַ גענומען אַריבערגיין איבערן דריקעלע. פּונקט אין מיטן האָט דאָס דריקעלע אַ טראַסק געטאָן און זיך צעבראָכן אויף צוויי טיילן. די אַלטע באָבע האַ האָט זיך לאַנג ניט געמוטשעט. איינס־צוויי, און ס׳איז פֿון איר געוואָרן אַ בערגעלע אַש. נאָר דאָס אײַזערנע פֿיסל איז געבליבן שטעקן, ווי אַ פֿאַרלוירענע קאָטשערע.

נו, אַזוי ווי זיי זײַנען פּטור געוואָרן פֿון דער באָבע האַ, האָבן זיי זיך פֿאַר־קערעוועט און געפֿאָרן אַהיים. געקומען אַהיים, האָבן די ברידער דערזען זײַן שיין פֿערדעלע און אים מקנא געווען. בײַ נאַכט זאָגט דער נאַר צום פֿער־דעלע: „עפּעס געפֿעלט מיר ניט ווי די ברידער האָבן אויף דיר געקוקט. בעסער אויסמײַדן די צרה פֿון פֿרײַער.“

ער האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן פֿערדעלע און זיי זײַנען אַנטלאָפֿן אין אַדעס.

יאָ, שיִער ניט פֿאַרגעסן. איר ווילט אַוודאי וויסן, וואָס איז געוואָרן מיט דער גאָלדענער פֿעדער? איז אַזוי: אויפֿן וועג קיין אַדעס האָט דער נאַר אַרויסגעשלעפּט די גאָלדענע פֿעדער און געזאָגט צום פֿערדעלע: „דו האָסט בײַ מיר ערלעך פֿאַרדינט צו טראָגן די גאָלדענע פֿעדער“ – און ער איז שוין גרייט געווען די דאָזיקע פֿעדער אַרײַנצופֿלעכטן דעם פֿערדעלע אין דער געדיכטער גריווע. אָבער דאָס פֿער־דעלע האָט אים אָפּגעשטעלט: „קוק, דו ביסט זיכער, אַז דו טוסט ריכטיק?!“ – „אַוודאי, דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איך בין שוין קליגער געוואָרן“. – און ער האָט אַרײַנגעפֿלאָכטן די פֿעדער אין דער סמאָלענער גריווע.

אין דער זעלבער רגע, האָט דער נאַר דערפֿילט, ווי דאָס פֿערדעלע איז אויפֿגעשפּרונגען, ער איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און, ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז פֿאַר אים שוין גע־שטאַנען אַ יונג, שיין מיידל, מיט אַ שוואַרצן צאָפּ איבערן אַקסל. און אין דעם צאָפּ, ווי אַ שטיק זון־שטראַל, האָט געשײַנט די גאָלדענע פֿעדער.




# דערשײַנען אַ נײַ קינדער־בוך

ד״ר חנה־פֿייגל טערטלטויב, אַ פֿרומע ייִדיש־לערערין, האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך, מיט אַ קאָמפּאַקטל פֿון ייִדישע קינדער־לידער. זי האָט די לידער אַליין אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק פֿאַר אירע אייגענע קינדער, מיט וועלכע זי האָט גערעדט ייִדיש. הײַנט זײַנען די קינדער שוין אין די דרײַסיקער.

אָבער ערשט איצט איז געקומען די צײַט, אַז חנה־פֿייגלס לידער זאָלן אַרויספֿליִען פֿון איר שטוב צו דער גאָרער וועלט. חוץ דעם קאָמפּאַקטל, ווערן די לידער באַגלייט מיט נאָטן, ווי אויך טראַנסקריבירט און איבערגעזעצט אויף ענגליש.

מיר לייגן אײַך פֿאָר צוויי מוסטערן פֿון חנה־פֿייגל טערטלטויבס בוך „ייִדיש־לידער פֿאַר קינדער"; בײַגעלייגט זײַנען קורצע מוזיקאַלישע אויסצוגן פֿון דעם קאָמפּאַקטל.

---

## ייִדיש

ס'איז שיין ווען די מאַמע רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען דער טאַטע רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען די מומע רעדט ייִדיש.
ייִדיש זאָל מען רעדן אין דער היים.

ס'איז שיין ווען דער זיידע רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען די באָבע רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען די שוועסטער רעדט ייִדיש.
ייִדיש זאָל מען רעדן אין דער היים.




**רעפֿרען:**
ייִדיש סאַראַ שפּראַך.
ס'איז אַזוי געשמאַק.
ס'איז דאָך מלא־חן,
ייִדיש, ייִדיש, ייִדיש.
ייִדיש, ייִדיש, ייִדיש.
ייִדיש זאָל מען רעדן אין דער היים.

ס'איז שיין ווען דער פֿעטער רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען דער ברודער רעדט ייִדיש.
ס'איז שיין ווען אַלע רעדן ייִדיש.
ייִדיש זאָל מען רעדן אין דער היים.

## וואָס מען טוט

ווען בײלע די בעקערקע
קנייט איר טייגל, קנייט זי מיטן גאַנצן האַרץ.
ווען טוביה דער טינטמאַכער
מאַכט זײַן טינט,
מאַכט ער שוואַרץ – איז שוואַרץ.



**רעפֿרען:**
וואָס מע טוט
דאַרף מען טאָן גוט.
אַז נישט, ווי אויך צו להכעיס,
טויג עס אויף כּפּרות.

ווען מענדל מלמד לערנט אין חדר,
איז זײַן קלאַס דער בעסטער.
ווען גרשון, אַ גוט ייִנגל,
זעצט זיך צום טיש
וואָס מע גיט אים עסט ער.
**רעפֿרען:**

ווען משה דער מוזיקאַנט
שפּילט זײַן פֿידל,
טראַכט ער נישט פֿון לאַטקעס.
ער טראַכט וועגן די נאָטן אין דער מוזיק
און ווי דער סמיטשיק מאַכט עס.
**רעפֿרען:**



ווען מע שטעלט זיך דאַווענען
און ווען מע מאַכט אַ ברכה,
דאַרף מען מאַכן מיט כּוונה.
אויב נישט, טויג עס אויף אַ כּפּרות.
**רעפֿרען:**